בעזרת השם יתברך

# סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת

גליון

פאר'ן שבת טיש

פרשת כי תבוא
כ אלול
שנת תשפ"א לפ"ק
שנה 2, גליון 36
(51)



ארויסגעגעבן דורך מוסדות היכל הקודש ברסלב

שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן, אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעוֶוען אִין שְׁטֶעטְל, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב - לִיבֶּערְטִי יע"א. אִינְדֶערְפְרִי נָאכְ'ן דַאוְוענֶען בַּיים 'קִידּוּשָׁא רַבָּא' הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען דֶעם שִׁיעוּר אִין סֵפֶר הַקָדוֹשׁ 'סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת', מַעֲשֶׂה י, מְבֶּערְגִיר וְעָנִי.

דֶערְצֵיילְט דֶער הֵיילִיגֶער רבי וַוייטֶער:

אוּן דֶער בָּחוּר (דְהַיְינוּ דֶעם בֶּערְגִירְס זוּן) הָאט זִיךְ מְיַישֵׁב גִיוֶוען. עֶר קָאן דָא קֵיין שְׁהִיּוֹת נִיט מַאכִין (כְּלוֹמַר עֶר קָאן דָא נִיט זָאמֶען. וָוארִין טָאמֶער וֶוערְט מֶען גִיוָואר אַז עֶר אִיז דָא וֶועט אִים דֶער קֵיסָר הַרְגִינֶען כַּנַ"ל) הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵׁב גִיוֶוען עֶר וֶועט זִיךְ וִוידֶער אוּם קֶערִין צוּ זַיין אָרְט אִין דֶער מִדְבָּר אַרַיין וָואס עֶר אִיז פְרִיר דָארְט גִיוֶוען. אוּן דָארְט וֶועט עֶר אִיבֶּער לֶעבִין זַיינֶע יָארִין. אוּן עֶר אִיז גִיגַאנְגֶען אוּן גִיגַאנְגֶען כְּדֵי עֶר זָאל קוּמֶען צוּ דֶער מִדְבָּר. אוּן עֶר אִיז אַהִין גִיקוּמֶען צוּ דֶער מִדְבָּר הַנַ"ל. דֶערְוַוייל וִוי דָאס הָאט זִיךְ אַלְץ גִיטָאן דֶערְוַוייל זֶענֶען אַוֶועק גִיגַאנְגֶען זֵייעֶר אַסַאךְ יָארִין אוּן בַּיי דֶעם בָּחוּר אִיז גִיבְּלִיבְּן אִין דֶער דֵיעָה אַז עֶר זָאל דָארְט אַוֶועק זִיצִין אִין דֶער מִדְבָּר אוּן עֶר זָאל דָארְט אִיבֶּער לֶעבִין זַיינֶע יָארִין. וֶועדְלִיג וִוי עֶר הָאט אָפּ גִישַׁאצְט דָאס גַאנְצֶע לֶעבִין פוּן דֶעם מֶענְשְׁן אוֹיף דֶער וֶועלְט. אִיז בַּיי אִים אָפּ גִיקְלֶערְט גִיוָוארִין אִין זַיין דֵעָה. אַז סֶע אִיז גוּט דָא אִין דֶער מִדְבָּר אִיבֶּער צוּ לֶעבִין זַיינֶע יָארִין אוּן עֶר אִיז דָארְט גִיזֶעסִין אוּן הָאט גִיגֶעסִין פוּן דִי פֵּירוֹת וְכוּ' כַּנַ"ל.

אוּן אוֹיף דֶעם יַם אִיז גִיוֶוען אַ רוֹצֵחַ. אוּן דֶער רוֹצֵחַ הָאט גִיהֶערְט אַז סֶע גִיפִינְט זִיךְ אַזוֹי אַ יְפַת תּוֹאַר אוֹיף דֶער וֶועלְט הָאט עֶר גִיוָואלְט זִי אוֹיף חַאפִּין.

## דֶער יֵצֶר הָרָע וִויל הַרְגִ'עֶנֶען דֶעם מֶענְטְשׁ

דִי וֶועלְט אִיז אַזוֹי וִוי אַ וַואסֶער אוּן אוֹיפְ'ן וַואסֶער גֶעפִינְט זִיךְ אַ רוֹצֵחַ, דָאס אִיז דֶער סַמַ"ךְ מֵ"ם, דֶער יֵצֶר הָרָע, וָואס וִויל הַרְגִ'עֶנֶען דֶעם מֶענְטְשׁ, אִים אַוֶועק רַייסְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

כָאטְשֶׁע עֶר הָאט זִי נִיט גִידַארְפְט. וָוארִין עֶר אִיז גִיוֶוען אַ סָרִיס. נָאר עֶר הָאט גִיוָואלְט זִי חַאפִּין כְּדֵי עֶר זָאל זִי פַארְקוֹיפִין צוּ אֵיין מֶלֶךְ וֶועט עֶר פַאר אִיר נֶעמֶען זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעלְט אוּן דֶער רוֹצֵחַ הָאט אָנְגִיהוֹבִּין זִיךְ צוּ פָארֶען אִין דֶער זַאךְ (דְהַיְינוּ עֶר זָאל זִי קֶענֶען אוֹיפְחַאפְּן).

## דֶער מֶענְטְשׁ כַאפְּט נִישְׁט

דֶער יֵצֶר הָרָע וַוארְפְּט נִישְׁט אַרָאפּ דֶעם מֶענְטְשׁ אִין אֵיין נִישְׁט אָפְּגֶעשְׁמוּעֶסְט 'מָארְגְן נַיין אַזֵייגֶער וֶועט מֶען בְּלָאזְן אוֹיף דִי לֶערֶערִין'... דָאס קִינְד הָאט וַוייטֶער לִיבּ דִי לֶערֶערִין, אוּן זִי וַוארְט וַוייטֶער אוֹיף אִיר שְׁמֵייכְל אוּן גוּט וָוארְט.

<<<

# חִינוּךְ וִוינְקְל

גענומען פונעם קונטרס 'אויפבויען קינדער'

## וִוי אַזוֹי גֵייסְטוּ זַיין אַ מַאמֶע?

פַארְוָואס נֶעמְסְטוּ עֶס פֶּערְזֶענְלִיךְ? וֶוען דוּ גֵייסְט חֲתוּנָה הָאבְּן וִוי אַזוֹי גֵייסְטוּ זַיין אַ מַאמֶע? דוּ וֶועסְט אַ גַאנְצְן טָאג קָאכְן נַאכְטְמָאל פַאר דַיינֶע קִינְדֶער, אוּן נָאכְמִיטָאג וֶוען דַיינֶע קִינְדֶער וֶועלְן אַרָאפּ שְׁפְּרִינְגֶען פוּן דִי בָּאס פְּרֶעגְנְדִיג: "וָואס אִיז הַיינְט דָא פַאר נַאכְטְמָאל?" אוּן דוּ וֶועסְט זֵיי עֶנְטְפֶערְן, אוּן זֵיי וֶועלְן זָאגְן: "דָאס?! פֶּעךְ! אִיךְ הָאבּ דָאס נִישְׁט לִיבּ!" וָואס גֵייסְטוּ יֶעצְט טוּן? גֵייסְט וֵויינֶען? נֵיין, דוּ וֶועסְט פְּרוּבִּירְן מִיט חָכְמָה צוּ טְרַאכְטְן אַן עֵצָה וִוי אַזוֹי דָאס קִינְד וָואס הָאט גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף דִי עֶסְן "פֶּעךְ!" זָאל זִיךְ יֶעצְט בַּאלֶעקְן דֶערְמִיט.

## זֵיי גֵייעֶן שְׁפֶּעטֶער וֶוערְן לֶערֶערִינְס

גֶעדֶענְקְט אַז דִי שְׁוֶוערֶע קִינְדֶער גֵייעֶן שְׁפֶּעטֶער וֶוערְן לֶערֶערִינְס, זֵיי גֵייעֶן זִיךְ בַּאלְד אָפְּגֶעבְּן מִיט אַייעֶרֶע קִינְדֶער, וָואס וֶועט אִיר טוּן אַז זֵיי וֶועלְן זִיךְ מוּטְשֶׁען מִיט אַייעֶרֶע קִינְדֶער?! אִיךְ הָאבּ גֶעפְרֶעגְט אֵיינֶע פוּן דִי לֶערֶערִינְס: "וֶוען אִיר זֶענְט גֶעוֶוען אַ קִינְד הָאט אִיר נִישְׁט גֶעזָאגְט אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ: 'פֶּעךְ!'?" אַוַודַאי הָאט אִיר אַזוֹי גֶעזָאגְט, וַוייל דָאס זֶענֶען קִינְדֶער, דָאס אִיז זֵייעֶר שְׁפְּרַאךְ, אַוֶועקְצוּמַאכְן יֶעדֶע זַאךְ.

## דִי קִינְדֶער הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט אָפְּגֶעשְׁמוּעֶסְט

דִי לֶערֶערִין דַארְף גֶעדֶענְקְן אַז וֶוען אַ קִינְד בְּלָאזְט אוֹיף אִיר, אִיז דָאס נִישְׁט קַיין אָפְּגֶעשְׁמוּעֶסְטֶע זַאךְ, דִי קִינְדֶער הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט אָפְּגֶעשְׁמוּעֶסְט 'מָארְגְן נַיין אַזֵייגֶער וֶועט מֶען בְּלָאזְן אוֹיף דִי לֶערֶערִין'... דָאס קִינְד הָאט וַוייטֶער לִיבּ דִי לֶערֶערִין, אוּן זִי וַוארְט וַוייטֶער אוֹיף אִיר שְׁמֵייכְל אוּן גוּט וָוארְט.

א גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי שֵׁיינֶע יָאר וָואס אִיר הָאט אַהֶער גֶעשְׁטֶעלְט פַאר דִי תַּלְמִידוֹת. אִיךְ בֶּעט אַייךְ, אִיר זָאלְט מַאכְן דִי פְּלֶענֶער אוֹיפְ'ן קוּמֶענְדִיגְן יָאר, צִי אִיר מַמְשִׁיךְ זַיין אוֹיף וַוייטֶער לֶערְנֶען מִיט דִי תַּלְמִידוֹת. אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן הָאבְּן הַצְלָחָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ גֶעבְּן כֹּחַ אִיר זָאלְט קֶענֶען אָנְגֵיין מִיט אַייעֶר הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, אוּן אִין דֶעם זְכוּת זָאלְט אִיר זֶען נַחַת בַּיי אַייעֶרֶע קִינְדֶער גֶעזוּנְטֶערְהֵייט.

מִינוּט, נָאר קוֹדֶם שְׁפִּילְט עֶר מִיט׳ן מֶענְטְשׁ אוֹיף אַלֶע עֶרְלֵיי וֶועגְן בִּיז דֶער מֶענְטְשׁ כַאפְּט נִישְׁט אַז דֶער יֵצֶר הָרָע ווִיל עֶפֶּעס דָא, אוּן דַאן כַאפְּט עֶר דֶעם מֶענְטְשׁ אוּן דֶערְ׳הַרְגְ׳עט אִים, הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

אוּן אַ רוֹצֵחַ אִיז זִיךְ אַ מוּפְקָר. הָאט עֶר זִיךְ מַפְקִיר גִיוֶוען וֶועט עֶר פּוֹעֱלְ׳ן פּוֹעֱלְ׳ן. אוּן נִיט. וָואס וֶועט עֶר דָא אַיינְשְׁטֶעלְ׳ן. וָוארִין עֶר אִיז זִיךְ אַ מוּפְקָר אַזוֹי ווִי דֶער שְׁטֵייגֶער אִיז פוּן אַ רוֹצֵחַ. אוּן דֶער רוֹצֵחַ אִיז גִיגַאנְגֶען. אוּן הָאט אֶנְגִיקוֹיפְט זֵייעֶר אַסַאךְ סְחוֹרוֹת. מְשׁוּנֶה פִּיל. אוּן עֶר הָאט גִימַאכְט גִילְדִינֶע פֵייגְלִיךְ. אוּן זֵיי זֶענֶען גִימַאכְט גִיוָוארִין מִיט מְלָאכוֹת אַז מְהָאט גִימֵיינְט זֵיי לֶעבִּין זֵיי זֶענֶען גִיוֶוען נַאטִירְלִיךְ פּוּנְקְט אַזוֹי ווִי לֶעבֶּעדִיגֶע פֵייגְלִיךְ. ווִידֶער הָאט עֶר גִימַאכְט גִילְדִינֶע זַאנְגֶען. אוּן דִי פֵייגִיל זֶענֶען גִישְׁטַאנֶען אוֹיף דִי זַאנְגֶען אוּן דָאס אַלֵיין אִיז גִיוֶוען אַ חִידוּשׁ. וָואס דִי פֵייגִיל שְׁטֵייעֶן אוֹיף דִי זַאנְגֶען אוּן דִי זַאנְגֶען וֶוערִין נִיט צוּבְּרָאכִין. וָוארִין סֶע גִיוֶוען גְרוֹיסֶע פֵייגִיל. אוּן עֶר הָאט ווִידֶער גִימַאכְט מְלָאכוֹת אַז סֶע הָאט זִיךְ גִידַאכְט אַז דִי פֵייגִיל שְׁפִּילִין אוּן אֵיינֶע הָאט גִיקְנַאקְט אוּן אֵיינֶע הָאט גִישְׁוִוישְׁטְשִׁיט. אוּן אֵיינֶע הָאט גִיזוּנְגֶען. אוּן דָאס אִיז אַלְץ גִיוֶוען מִיט תַּחְבּוּלוֹת. וָוארִין מֶענְשְׁן זֶענֶען דָארְטְן גִישְׁטַאנֶען אִין אַ חֶדֶר וָואס סֶע אִיז גִיוֶוען אוֹיף דֶער שִׁיף אוּן דִי מֶענְשְׁן זֶענֶען דָארְט גִישְׁטַאנֶען אוּנְטֶער דִי פֵייגִיל אוּן דִי מֶענְטְשְׁן הָאבִּין דָאס אַלְץ גִיטָאן. אוּן סֶע הָאט זִיךְ גִידַאכְט אַז דִי פֵייגִיל אַלֵיין שְׁפִּילִין. וָוארִין זֵיי זֶענֶען גִימַאכְט גִיוָוארִין מִיט דְרָאטְן מִיט מְלָאכוֹת הָאט זִיךְ גִידַאכְט אַז דִי פֵייגִיל אַלֵיין טוּעֶן דָאס אַלְץ.

## עֶס גְלַאנְצְט אוּן מוֹרָא׳דִיג צִיעֶנְד

אִיךְ וֵייס נִישְׁט וָואס מֶען פַארְשְׁטַאנֶען אַמָאלִיגֶע צַייטְן אִין דִי וֶוערְטֶער, אָבֶּער הַיינְט זֶעט מֶען ווִי דָאס אִיז אַ רוּחַ הַקּוֹדֶשׁ פוּן רֶבִּי׳ן, עֶר הָאט גֶעוואוּסְט וָואס גֵייט זַיין אִין אוּנְזֶערֶע טֶעג; דִי אַלֶע זַאכְן זֶענֶען מְרַמֵּז אוֹיף דִי הַיינְטִיגֶע טֶעכְנֶעלָאגְיֶע, מָאוִויס אוּן קְלִיפְּס וְכַדוֹמֶה, וָואס קוּקְט אוֹיס ווִי עֶכְט, זַאכְן רִיקְן זִיךְ, עֶס גְלַאנְצְט אוּן אִיז מוֹרָא׳דִיג צִיעֶנְד, אָבֶּער עֶס אִיז פַאלְשֶׁע זַאכְן, הוֹילֶע דִמְיוֹנוֹת, דָאס אִיז דֶער וֶועג ווִי אַזוֹי דֶער יֵצֶר הָרָע כַאפְּט אַרַיין מֶענְטְשְׁן אִין זַיין נֶעץ, הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

אוּן דֶער רוֹצֵחַ אִיז גִיגַאנְגֶען מִיט דֶעם אַלִימֶען צוּ דֶער מְדִינָה וָואס דִי בַּת קֵיסָר הַנַּ"ל אִיז דָארְט גִיוֶוען. אוּן עֶר אִיז גִיקוּמֶען צוּ דֶער שְׁטָאט וָואס זִי אִיז דָארְט גִיוֶוען. אוּן עֶר הָאט זִיךְ אַנִידֶער גִישְׁטֶעלְט מִיט זַיין שִׁיף אִין יַם אוּן הָאט דִי שִׁיף גִיאַנְקֶערְט. אוּן עֶר הָאט זִיךְ גִימַאכְט פַאר אֵיין גְרוֹיסְן סוֹחֵר.

## פַארְגֶעסְן פוּן אֶמֶת׳עֶ תַּכְלִית

דָאס אִיז נָאךְ אַ וֶועג ווִי אַזוֹי דֶער יֵצֶר הָרָע פַארְפִירְט אַ מֶענְטְשׁ, עֶר פַארְדְרֵיידְט דֶעם מֶענְטְשׁ מִיט ׳סְחוֹרָה׳; עֶר זָאל זַיין פַארְנוּמֶען מִיט זַיין בִּיזְנֶעס כְּדֵי עֶר זָאל אִינְגַאנְצְן פַארְגֶעסְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר זָאל פַארְגֶעסְן פוּן זַיין אֶמֶת׳עֶ תַּכְלִית פַארְוָואס עֶר לֶעבְּט אוֹיף דִי וֶועלְט.

פְלֶעגְט מֶען אַרַיין גֵיין צוּ אִים מִזָּאל בַּיי אִים קוֹיפִין סְחוֹרוֹת טַייעֶרֶע. אוּן עֶר אִיז דָארְט גִישְׁטַאנֶען אַ צַייט אַ פֶערְטְל יָאר אוּן וַוייטֶער. אוּן מְהָאט אַלְץ גִיטְרָאגִין זֵייעֶר שֵׁיינֶע סְחוֹרוֹת וָואס מְהָאט בַּיי אִים גִיקוֹיפְט. הָאט דִי בַּת קֵיסָר אוֹיךְ חֵשֶׁק גִיהַאט בַּיי אִים צוּ קוֹיפִין סְחוֹרָה. הָאט זִי צוּ אִים גִישִׁיקְט. אַז עֶר זָאל צוּ אִיר טְרָאגִין סְחוֹרָה. הָאט עֶר צוּ אִיר אָפְּגִישִׁיקְט. עֶר בַּאדַארְף דָאס נִיט אַז עֶר זָאל טְרָאגְן סְחוֹרָה צוּם קוֹנֶה אִין שְׁטוּבּ אַרַיין. כָאטְשֶׁע זִי אִיז אַ קֵיסָר׳ס טָאכְטֶער. וֶוער סֶע בַּאדַארְף סְחוֹרָה זָאל צוּ אִים קוּמֶען. אוּן אַ סוֹחֵר קֶען קֵיינֶער נִיט נֵייטִין דְרוֹיף.

הָאט זִיךְ דִי בַּת קֵיסָר מְיַישֵּׁב גִיוֶוען זִי וֶועט צוּ אִים גֵיין. אוּן אִיז סֵדֶר אִיז גִיוֶוען וֶוען זִי פְלֶעגְט גֵיין אִין מַארְק. פְלֶעגְט זִי זִיךְ פַאר הֶענְגֶען דָאס פָּנִים. כְּדֵי מִזָּאל אוֹיף אִיר נִיט קוּקִין. וָוארִין מֶענְשְׁן וֶועלְן קֶענֶען אַנִידֶער פַאלִין אוּן חַלָּשׁוּת בְּלַייבְּן וְכוּ׳ מַחְמַת אִיר שֵׁיינְקֵייט כַּנַּ"ל. אִיז דִי בַּת קֵיסָר גִיגַאנְגֶען. אוּן הָאט זִיךְ דָאס פָּנִים פַארְהָאנְגֶען. אוּן זִי הָאט מִיט זִיךְ גִינוּמֶען אִירֶע פַּאנֶעס. אוּן אַ וַואךְ אִיז אִיר נָאךְ גִיגַאנְגֶען. אוּן זִי אִיז גִיקוּמֶען צוּם דֶעם סוֹחֵר (דְהַיְינוּ צוּ דֶעם רוֹצֵחַ וָואס עֶר הָאט זִיךְ פַארְשְׁטֶעלְט פַאר אַ סוֹחֵר) אוּן זִי הָאט בַּיי אִים גִיקוֹיפְט סְחוֹרוֹת. אוּן זִי אִיז זִיךְ אַוֶועק גִיגַאנְגֶען. הָאט עֶר אִיר גִיזָאגְט (דְהַיְינוּ דֶער רוֹצֵחַ דֶער סוֹחֵר) אַז דוּ וֶועסְט נָאךְ אַמָאל קוּמֶען וֶועל אִיךְ דִיר וַוייזִין נָאךְ שֶׁענֶערֶע זַאכִין דֶערְפוּן זֵייעֶר ווֹאוִילֶע זַאכִין אוּן זִי הָאט זִיךְ אוּמְגִיקֶערְט אַהֵיים. דֶערְנָאךְ אִיז זִי ווִידֶער אַמָאל גִיקוּמֶען אוּן הָאט גִיקוֹיפְט בַּיי אִים סְחוֹרָה אוּן אִיז ווִידֶער אַהֵיים גִיגַאנְגֶען. אוּן דֶער רוֹצֵחַ אִיז דָארְט גִישְׁטַאנֶען אַ צַייט. דֶערְוַוייל אִיז דִי בַּת קֵיסָר שׁוֹין גִיוואוֹינְט גִיוָוארִין בַּיי אִים צוּ זַיין. זִי פְלֶעגְט אוֹפְט צוּ אִים אַרַיין צוּ גֵיין.

אַמָאל אִיז זִי צוּ אִים גִיקוּמֶען. אִיז עֶר גִיגַאנְגֶען אוּן הָאט אִיר אוֹיף גִיעֶפִינְט דָאס חֶדֶר וָואס דָארְט זֶענֶען גִישְׁטַאנֶען דִי גִילְדִינֶע פֵייגִיל וְכוּ׳ הָאט זִי גִיזֶעהְן סֶע אִיז זֵייעֶר אַ ווִילְד חִידוּשׁ. אוּן דִי אִיבְּרִיקֶע מֶענְשְׁן וָואס זֶענֶען מִיט אִיר גִיוֶוען (דְהַיְינוּ דִי וַואךְ וְכוּ׳) הָאבִּין אוֹיךְ גִיוָואלְט אַרַיין גֵיין אִין דֶעם חֶדֶר. הָאט עֶר גִיזָאגְט. נֵיין נֵיין. דָאס וַוייז אִיךְ נִיט קֵיין שׁוּם מֶענְשְׁן נָאר דִיר. וַוייל דוּ בִּיסְט דֶעם קֵיסָר׳ס טָאכְטֶער. אָבֶּער פַאר אַנְדֶערֶע ווִיל אִיךְ דָאס גָאר נִיט וַוייזִין. אִיז זִי אַלֵיין אַהִין אַרַיין גִיגַאנְגֶען.

## אִיסוּר יִחוּד

דָא הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן דֶעם יֵצֶר הָרָע׳ס הַצְלָחָה וַוייל זִי הָאט עוֹבֵר גֶעוֶוען אוֹיף ׳אִיסוּר יִחוּד׳, וָואס דָאס אִיז זֵייעֶר בִּיטֶער, זִי הָאט זִיךְ גֶעלָאזְט פוּן אִים צוּ עוֹבֵר זַיין אוֹיף ׳אִיסוּר יִחוּד׳ אַזוֹי הָאט עֶר אִיר גֶעקֶענְט בַּייקוּמֶען.

אִיז עֶר אוֹיךְ אַרַיין גִיגַאנְגֶען אִין דֶעם חֶדֶר אַרַיין. אוּן עֶר הָאט פַארְשְׁלָאסִין דִי טִיר. אוּן עֶר הָאט גִיטָאן פְּרָאסְטִי אוּן הָאט גִינוּמֶען אַ זַאק אוּן הָאט זִי מִיט גִיוַואלְד אַרַיין גִילֵייגְט אִין זַאק אַרַיין. אוּן עֶר הָאט פוּן אִיר אַרָאפּ גִינוּמֶען אַלֶע אִירֶע קְלֵיידֶער. אוּן עֶר הָאט אָנְגִיטָאן דִי קְלֵיידֶער אַ מַאטְרָאס אוּן עֶר הָאט אִים פַארְהָאנְגֶען דָאס פָּנִים אוּן הָאט אִים אַרוֹיס גִישְׁטוּפְּט אוּן עֶר הָאט צוּ אִים גִיזָאגְט. גֵיי. אוּן דֶער מַאטְרָאס עֶר וֵוייסְט גָאר נִיט וָואס מִיט אִים טוּט זִיךְ. אוּן תֵּיכֶף ווִי עֶר אִיז אַרוֹיס גִיגַאנְגֶען אוּן דָאס פָּנִים אִיז אִים גִיוֶוען פַאר הָאנְגֶען. אוּן דָאס חַיִל (דְהַיְינוּ דִי וַואךְ) הָאט נִישְׁט גְוואוּסְט. הָאבִּין זֵיי אָנְגִיהוֹיבִּין מִיט אִים צוּ גֵיין תֵּיכֶף. זֵיי הָאבְּן גִימֵיינְט אַז דָאס אִיז דִי בַּת קֵיסָר. אוּן דֶער מַאטְרָאס אִיז גִיגַאנְגֶען מִיט דֶעם חַיִל וואוּ זֵיי הָאבְּן אִים גִיפִירְט. אוּן עֶר הָאט גָאר נִיט גְוואוּסְט ווִי עֶר אִיז אִין דֶער וֶועלְט. בִּיז עֶר אִיז גִיקוּמֶען אִין דֶעם חֶדֶר אַרַיין וָואס דִי בַּת קֵיסָר אִיז דָארְט גִיזֶעסִין. הָאט מֶען אִים אָפּ גִידֶעקְט דָאס פָּנִים. הָאט מֶען דֶערְזֶעהְן. אַז דָאס אִיז גָאר אַ מַאטְרָאס. אִיז גִיוָוארִין דָארְט זֵייעֶר אַ ווִילְדֶער רַעשׁ. (אוּן דֶעם מַאטְרָאס הָאט מֶען אָנְגִיפַּטְשְׁט גַאנְץ גוּט אִין פָּנִים אוּן מֶען הָאט אִים אַרוֹיס גִישְׁטוּפְּט וָוארִין עֶר אִיז זִיךְ קֵיין חַיָּיב נִיט וָוארִין עֶר הָאט גָאר נִיט גְוואוּסְט).

אוּן דֶער רוֹצֵחַ הָאט גִינוּמֶען דִי בַּת קֵיסָר. אוּן עֶר הָאט גְוואוּסְט אַז מֶען וֶועט אִים בְּוַודַאי נָאךְ יָאגִין. אִיז עֶר אַרוֹיס גִיגַאנְגֶען פוּן דֶער שִׁיף אוּן עֶר הָאט זִיךְ מִיט אִיר בַּאהַאלְטִין אִין אַ גְרוּבּ וָואס דָארְט אִיז גִיוֶוען רֶעגְן וַואסֶער בִּיז דֶער רַעשׁ וֶועט אִיבֶּער גֵיין. אוּן דִי מַאטְרָאסִין פוּן דֶער שִׁיף הָאט עֶר אָנְגִיזָאגְט אַז זֵיי זָאלִין תֵּיכֶף אָפּ שְׁנַיידִין דִי אַנְקֶערְס אוּן זֵיי זָאלִין תֵּיכֶף אַנְטְלוֹיפְן. וָוארִין מֶען וֶועט זֵיי בְּוַודַאי תֵּיכֶף נָאךְ יָאגִין. אוּן שִׁיסִין וֶועט מֶען בְּוַודַאי נִיט צוּ דֶער שִׁיף. מַחְמַת

דֶער בַּת קֵיסָר. וָואלִין זֵיי וֶועלִין זִיךְ מֵיינֶען אַז זִי אִיז דָארְט אִין דֶער שִׁיף. נָאר זֵיי וֶועלִין אַייךְ נָאךְ יָאגִין. אִיבֶּער דֶעם זָאלְט אִיר אַנְטְלוֹפִין תֵּיכֶף. וֶועט מֶען אַייךְ חַאפִּין וָואס אִיז. אַזוֹי וִוי דֶער שְׁטֵייגֶער אִיז פוּן רוֹצְחִים. זֵיי קוּקִין אוֹיף זִיךְ גָאר נִיט (כְּלוֹמַר זֵיי זֶענֶען זִיךְ מַפְקִיר) אוּן אַזוֹי אִיז גִיוֶוען. סֶע גִיוָוארִין אַ גְרוֹיסֶער רַעַשׁ. אוּן מֶען הָאט זֵיי תֵּיכֶף נָאךְ גֶיאָגְט. נָאר מְהָאט זִי דָארְט נִיט גִיפוּנֶען.

אוּן דֶער רוֹצֵחַ הָאט זִיךְ בַּאהַאלְטִין מִיט אִיר אִין אַ גְרוּבּ פוּן רֶעגִין וַואסֶער. אוּן זֵיי זֶענֶען דָארְטִין גִילֶעגִין אוּן עֶר הָאט זִי גִישְׁרָאקִין. אַז זִי זָאל נִיט שְׁרַייֶען. כְּדֵי מֶענְשְׁן זָאלִין נִיט דֶערְהֶערִין. אוּן עֶר הָאט צוּ אִיר אַזוֹי גִיזָאגְט. אִיךְ הָאבּ מִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גִיוֶוען פוּן דַיינֶעט וֶועגִין כְּדֵי אִיךְ זָאל דִיךְ חַאפִּין. אוּן אַז אִיךְ זָאל דִיר וִוידֶער אָן וֶוערִין. אִיז מַיין לֶעבִּין בַּיי מִיר גָאר נִיט וֶוערְט. וָוארִין וַוייל דוּ בִּיסְט שׁוֹין בַּיי מִיר אִין דִי הֶענְט. אַז אִיךְ זָאל דִיךְ וִוידֶער אָן וֶוערִין. אוּן מֶע זָאל דִיר אָפְּנֶעמֶען פוּן מִיר. אִיז שׁוֹין מַיין לֶעבִּין בַּיי מִיר גָאר נִיט וֶוערְט. דְרוּם וִוי בַּאלְד דוּ וֶועסְט נָאר אַ גִישְׁרֵיי טָאן. וֶועל אִיךְ דִיךְ תֵּיכֶף דֶערְוַוארְגְן. אוּן לָאז זִיךְ שׁוֹין מִיט מִיר טָאן וָואס סֶע וֶועט זִיךְ טָאן. וָוארְן אִיךְ בִּין שׁוֹין בַּיי מִיר גָאר נִיט וֶוערְט. הָאט זִי מוֹרָא גִיהַאט פַאר אִים (כְּלוֹמַר דִי בַּת קֵיסָר וָואס זִי אִיז גִילֶעגְן אִין דֶעם גְרוּבּ מִיט דֶעם רוֹצֵחַ הָאט מוֹרָא גִיהַאט צוּ שְׁרַייֶען וַוייל דֶער רוֹצֵחַ הָאט זִי גִישְׁרָאקְן).

## שְׁרֵיי נִישְׁט! אַז דוּ וֶועסְט שְׁרַייֶען וֶועל אִיךְ דִיר דֶערְוֶוערְגְן!

דָאס אִיז דִי גַאנְצֶע זַאךְ פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע, עֶר פַארְפִירְט דֶעם מֶענְטְשׁ אִין זַיינֶע תַּאֲוֹות, עֶר רֶעדְט אִים אִיבֶּער צוּ קוּקְן מָאוִויס אוּן קְלִיפְּס וְכַדוֹמֶה, אָדֶער פַארְדְרֵיידְט עֶר זַיין קָאפּ מִיט בִּיזְנֶעס וְכוּ' וְכוּ', דֶערְנָאךְ זָאגְט עֶר צוּם מֶענְטְשׁ: "שְׁרֵיי נִישְׁט! אַז דוּ וֶועסְט שְׁרַייֶען וֶועל אִיךְ דִיר דֶערְוֶוערְגְן!"; זֶעט מֶען דָא אַ מוֹרָא'דִיגֶע זַאךְ, דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז דָאךְ גֶעגֶעבְן אַסַאךְ עֵצוֹת, צוּם בֵּיישְׁפִּיל, דֶעם 'סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימּוּד' (עַיֵּין שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן עו) אוּן נָאךְ, פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ הָאט עֶר נִישְׁט אַזוֹי מוֹרָא וִוי פוּן דָאס אַז דֶער מֶענְטְשׁ מַאכְט 'הִתְבּוֹדְדוּת', אַז דֶער מֶענְטְשׁ הוֹיבְּט אָן שְׁרַייֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - פוּן דֶעם הָאט עֶר זֵייעֶר מוֹרָא, אוֹיף דֶעם פַארְלֵייגְט עֶר זִיךְ זֵייעֶר, אוֹיף דֶעם אִיז עֶר זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ, עֶר וָוארְנְט דֶעם מֶענְטְשׁ אַז דִי גֶעבְּסְט אֵיין שְׁרֵיי וֶועל אִיךְ דִיר דֶערְוֶוערְגְן.

## פַאר וֶועמֶען וֶועסְטוּ דֶערְצֵיילְן דַיינֶע נִסְיוֹנוֹת?

פַארְוָואס פַארְלֵייגְט עֶר זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק אוֹיף הִתְבּוֹדְדוּת? וַוייל עֶר וֵוייסְט אַז דוּרְךְ הִתְבּוֹדְדוּת וֶועט דֶער מֶענְטְשׁ צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן! וואוּ וַוייט אַ מֶענְטְשׁ וֶועט נָאר פַאלְן רַחֲמָנָא לִצְּלָן, וָואס אַ מֶענְטְשׁ זָאל נָאר טוּן, אוֹיבּ וֶועט עֶר גֵיין אִין אַ זַייט אוּן זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְצֵיילְן פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן אוּן בֶּעטְן מְחִילָה דֶערוֹיף - וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צוּרִיק נֶעמֶען, עֶר וֶועט צוּרִיק וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְפַאר דַארְף מֶען זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן סְפֶּעצִיעֶל אִין דִי זַאךְ פוּן הִתְבּוֹדְדוּת.

אַ מֶענְטְשׁ וָואס זֶעט וִוי דֶער יֵצֶר הָרָע הָאט זִיךְ גֶענוּמֶען אוֹיף אִים, עֶר אִיז אִים מַכְשִׁיל אִין מִיאוּס'ע עֲבֵירוֹת, עֶר קֶען זִיךְ נִישְׁט הִיטְן דִי אוֹיגְן, אוּן פַאלְט אַרָאפּ אִין פְּגַם הַבְּרִית רַחֲמָנָא לִיצְּלָן, זָאל עֶר שְׁרַייֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער נֶעם מִיר אַרוֹיס פוּן מַיין צָרָה, אִיךְ זִינְק אִין טוּמְאָה, דֶער יֵצֶר הָרָע וַוארְפְט מִיר אַרָאפּ אִין עֲבֵירוֹת, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען שְׁטַארְקְן זִיךְ אָפְּצוּהִיטְן בִּקְדוּשָּׁה".**

עֶס אִיז דָא זַאכְן וָואס מֶען קֶען נִישְׁט דֶערְצֵיילְן פַאר קֵיינֶעם, פַאר וֶועמֶען וֶועסְטוּ דֶערְצֵיילְן דַיינֶע נִסְיוֹנוֹת? דָאס קֶען מֶען נִישְׁט דֶערְצֵיילְן פַאר קֵיינֶעם, עֶס אִיז נָאר דָא אֵיין עֵצָה, עֶס אִיז נָאר דָא אֵיין פְּלַאץ וואוּ דוּ קֶענְסְט גֵיין, עֶס אִיז נָאר דָא אֵיינֶער צוּ וֶועמֶען דוּ קֶענְסְט זִיךְ וֶוענְדְן, צוּם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער; גֵיי אִין אַ זַייט אוּן דֶערְצֵייל פַארְ'ן בַּאשֶׁעפֶער אַלֶעס וָואס דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער מִיט דַיין יֵצֶר הָרָע - וֶועסְטוּ אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן.

## יֶעדֶער טוּט עֲבֵירוֹת...

דֶער יֵצֶר הָרָע וֶועט אָבֶּער פַארְדְרֵייֶען דֶעם מֶענְטְשׁ מִיט זַיינֶע תֵּירוּצִים, 'וָואס אִיז אַזוֹי גֶעפֶערְלִיךְ? אַזוֹי גֵייט דִי וֶועלְט, יֶעדֶער זִינְדִיגְט, יֶעדֶער פַאלְט אַרָאפּ, יֶעדֶער טוּט עֲבֵירוֹת וְכוּ'', חַס וְשָׁלוֹם זִיךְ לָאזְן פוּן אִים, נֵיין! נֵיין! אַ מֶענְטְשׁ דַארְף אָפְּמַאכְן בַּיי זִיךְ שְׁטַארְק אוּן פֶעסְט: אִיךְ וֶועל נִישְׁט בְּלַייבְּן אִין דִי טוּמְאָה, נָאר אִיךְ וֶועל שְׁרַייֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען אָפְּהִיטְן מַיינֶע אוֹיגְן אוּן מַיינֶע מַעֲשִׂים"**, אוּן דָאס וֶועט צוּבְּרֶעכְן דֶעם מֶענְטְשׁ עֶר זִיךְ קֶענֶען אָפְּלָאזְן פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע, אוּן זִיךְ אַרוֹיסְדֶערְזֶען פוּן זַיין צָרָה.

## דֶער יֵצֶר הָרָע לָאקֶערְט

דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְן אַ עֵצָה צוּ זַיין אָפְּגֶעהִיטְן, אַז מֶען לֶעבְּט מִיט דִי וַוייבּ בְּשָׁלוֹם; וִוי רֶבִּי נָתָן שְׁרַייבְּט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן רסג): **"סִפֵּר לִי אֶחָד שֶׁהָיָה מֵשִׂיחַ עִמּוֹ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה מֵעִנְיַן בְּנֵי הַנְּעוּרִים, שֶׁשְּׁכִיחַ מְאֹד שֶׁנַּעֲשֶׂה קִלְקוּל בֵּינֵיהֶם וּבֵין נְשׁוֹתֵיהֶם, וְנִפְרָדִים זֶה מִזֶּה אֵיזֶה זְמַן, וּלְפְעָמִים נַעֲשֶׂה מִזֶּה פֵּרוּד לְגַמְרֵי חַס וְשָׁלוֹם"**, אֵיינֶער הָאט מִיר פַארְצֵיילְט אַז עֶר הָאט גֶעהַאט אַ שְׁמוּעֶס מִיטְן רֶבִּי'ן אִיבֶּער דֶעם וָואס מֶען זֶעט אִינְגֶעלַייט צֶעטֵיילְן זִיךְ פַאר אַ שְׁטִיק צַייט אוּן אַסַאךְ מָאל וֶוערְט נָאכְדֶעם אַ גֶט חַס וְשָׁלוֹם, **"אָמַר, שֶׁזֶּה מַעֲשֵׂה בַּעַל דָּבָר, שֶׁמַּנִּיחַ אֶת עַצְמוֹ עַל זֶה מְאֹד, לְקַלְקֵל הַשָּׁלוֹם שֶׁל בְּנֵי הַנְּעוּרִים, כְּדֵי שֶׁיִּתָּפְסוּ בִּמְצוּדָתוֹ חַס וְשָׁלוֹם עַל יְדֵי זֶה"**, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז דָאס אִיז מַעֲשֵׂה בַּעַל דָּבָר. דֶער יֵצֶר הָרָע מַאכְט מֶען זָאל זִיךְ צֶעטֵיילְן, וַוייל אַז מֶען אִיז אָן אַ וַוייבּ כַאפְּט עֶר אַרַיין דֶעם מֶענְטְשׁ בַּיי אִים אִין זַאק אַרַיין, **"כִּי הוּא אוֹרֵב עַל זֶה מְאֹד - לְתָפְסָם בִּנְעוּרֵיהֶם עַל יְדֵי קִלְקוּל הַשָּׁלוֹם בַּיִת חַס וְשָׁלוֹם, שֶׁגּוֹרֵם בְּעַרְמוּמִיּוּתוֹ לְקַלְקֵל הַשָּׁלוֹם שֶׁבֵּינֵיהֶם"**, וַוייל דֶער יֵצֶר הָרָע לָאקֶערְט אוֹיף יוּנְגֶע פָּארְפֶעלְקֶער זֵיי צוּ צֶעטֵיילְן אוּן אַזוֹי כַאפְּט עֶר זֵיי אַרַיין אִין שְׁמוּצִיגֶע עֲבֵירוֹת.

## יֶענֶער הָאט אַ בֶּעסֶערֶע וַוייבּ...

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, אֵיינֶער וָואס הָאט שָׁלוֹם בַּיִת, עֶר לֶעבְּט מִיט זַיין וַוייבּ, עֶר אִיז בַּאקְוֶועם מִיט אִיר, עֶר שְׁמוּעֶסְט אוּן פַארְבְּרֶענְגְט מִיט אִיר, אִיז אַן אָפְּגֶעהִיטֶענֶער מֶענְטְשׁ. אַזַא מֶענְטְשׁ וָואלְט אֲפִילוּ נִישְׁט גֶעדַארְפְט הָאבְּן קַיין פִילְטֶער אוֹיף זַיין טֶעלֶעפָאן, עֶר אִיז מְסוּדָר וַוייל עֶר הָאט אַ וַוייבּ, עֶר וֶועט נִישְׁט גֵיין זוּכְן קַיין מִיסְט, עֶר הָאט דָאךְ אַ וַוייבּ! נָאר דֶער יֵצֶר הָרָע בְּרֶענְגְט אַרַיין אִינֶעם מֶענְטְשׁ דִמְיוֹנוֹת כְּאִילוּ יֶענֶער הָאט אַ בֶּעסֶערֶע וַוייבּ, יֶענֶער הָאט אַ בֶּעסֶערֶע לֶעבְּן וְכוּ', בִּיז דֶער מֶענְטְשׁ פַארְלִירְט זַיין חֵשֶׁק אַהֵיימְצוּקוּמֶען צוּ זַיין וַוייבּ אוּן דָאס בְּרֶענְגְט אַלֶע צָרוֹת אוֹיפְ'ן מֶענְטְשׁ.

## וַוארְט אָפּ דַיין מַאן

אִיךְ דֶערְצֵייל שְׁטֶענְדִיג דִי מַעֲשֶׂה פוּן מֶדְרָשׁ רַבָּה פַּרְשַׁת נָשֹׂא (פַּרְשָׁה ט, סִימָן ג), וַוייל זֵייעֶר אַסַאךְ אִינְגֶעלַייט זָאגְן מִיר אַז דִי מַעֲשֶׂה אִיז זֵיי מְחַזֵּק (דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט דֶערְבֵּיי צוּגֶעלֵייגְט:

מֵיין נִישְׁט אַז אִיךְ רֶעד דָא פוּן דִי שְׁוואַכֶע אִינְגֶעלַייט... נָאר אִיךְ רֶעד פוּן אִינְגֶעלַייט וָואס אִינְדְרוֹיסְן זֶעעֶן זֵיי אוֹיס זֵייעֶר פְרוּם וְכוּ' - אָבֶער זֵיי זָאגְן מִיר אַז דִי מַעֲשֶׂה אִיז זֵיי זֵייעֶר מְחַזֵק), דֶער מִדְרָשׁ דֶערְצֵיילְט אַזוֹי, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט זִיךְ נֶעבֶּעךְ אָפְּגֶעשְׁמוּעֶסְט מִיט אַן אֵשֶׁת אִישׁ צוּ טוּן אַן עֲבֵירָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, אִיז זִי גֶעגַאנְגֶען צוּ זַיין וַוייבּ אוּן גֶעזָאגְט: "דַיין מַאן הָאט זִיךְ אָפְּגֶעשְׁמוּעֶסְט מִיט מִיר צוּ טוּן אַן עֲבֵירָה דָארְט בַּיי יֶענֶעם חוֹרְבָה, [ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מַסֶּכֶת בְּרָכוֹת ג.) אֵיינֶע פוּן דִי טְעָמִים פַארְוָואס מֶען טָאר נִישְׁט גֵיין אִין אַ חוֹרְבָה אִיז צוּלִיבּ 'חֲשַׁד', ווַייל מֶענְטְשְׁן פְלֶעגְן זִיךְ אָפְּשְׁמוּעֶסְן צוּ טוּן עֲבֵירוֹת אִין דִי חוֹרְבוֹת], גֵיי אַהִין אוּן וַוארְט אָפּ דַיין מַאן".

### אַ קְלוּגֶע פְרוֹי

קוֹדֶם זֶעט מֶען אַז זִי אִיז גֶעוֶוען אַ קְלוּגֶע פְרוֹי, זִי הָאט נִישְׁט גֶעזָאגְט "גֶעבּ אַ גֶעט פַאר דַיין מַאן" נָאר אִיר גֶעגֶעבְּן אַן עֵצָה ווִי אַזוֹי אִים צוּ רַאטֶעוֶוען פוּן דִי עֲבֵירָה, אַז אַ פְרוֹי הָאט שֵׂכֶל קֶען זִי רַאטֶעוֶוען אִיר מַאן עֶר זָאל זַיין עֶרְלִיךְ אוּן ווָאוּיל.

### מִיט דִיר אִיז דִי זֶעלְבֶּע!

אִיז זִי גֶעגַאנְגֶען צוּ יֶענֶע חוֹרְבָה אוּן אָפְּגֶעוַוארְט אִיר מַאן, דֶער מַאן קוּמְט אוֹיךְ אַהִין, עֶס אִיז גֶעוֶוען טוּנְקֶל, אִינְמִיטְן דִי נַאכְט, אוּן זֶעט דָארְט אַ פְרוֹי, גֵייט עֶר אַרַיין מִיט אִיר אִינֶעם חוֹרְבָה אוּן וואוֹינְט מִיט אִיר מֵיינֶענְדִיג אַז דָאס אִיז אַן אֵשֶׁת אִישׁ, דֶערְנָאךְ רוּפְט עֶר זִיךְ אָן צוּ אִיר: "אִיךְ הָאבּ מִיטְגֶעבְּרֶענְגְט אַ מֶעסֶער, אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט מוֹחֵל זַיין אוֹיף דִי עֲבֵירָה וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן, אִיךְ ווִיל זִיךְ נֶעמֶען דָאס לֶעבְּן, שְׁטֶעךְ מִיר מִיט דֶעם מֶעסֶער". הָאט זִי אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דוּ הָאסְט נִישְׁט גֶעטוּן קֵיין עֲבֵירָה, אִיךְ בִּין דַיין וַוייבּ!" פְרֶעגְט עֶר מִיט ווָאוּנְדֶער: "דָאס אִיז עֶס? אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט אִיךְ ווֶעל גֵיין מִיט פְרֶעמְדֶע ווֶעט מִיר זַיין בֶּעסֶער (הַשֵׁם יִשְׁמְרֵינוּ), אִיךְ זֶע אַז מִיט דִיר אִיז דִי זֶעלְבֶּע!"

### זוֹיבֶּערֶע קְוָואל וַואסֶער

זֶעט מֶען פוּן דִי מַעֲשֶׂה מוֹרָא'דִיגֶע שֵׂכֶל, דוּ קֶענְסְט דָאךְ זַיין מִיט דַיין וַוייבּ, פַארְוָואס זוּכְסְטוּ עֲבֵירוֹת?! אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט פֵיינֶע פְרִישֶׁע זוֹיבֶּערֶע קְוָואל וַואסֶער, פַארְוָואס זָאל עֶר גֵיין אִין בֵּית הַכִּסֵּא אַרוֹיסְצוּשֶׁעפְּן שְׁמוּצִיגֶע וַואסֶער דָאס טְרִינְקְן?! דוּ הָאסְט דָאךְ רֵיינֶע וַואסֶער! דֶער מֶענְטְשׁ הָאט גֶעמֵיינְט אַז עֶר ווֶעט הָאבְּן יֶענֶעמְ'ס וַוייבּ ווֶעט אִים זַיין בֶּעסֶער, בַּיים סוֹף הָאט עֶר גֶעזֶען אַז עֶר קֶען דָאס אוֹיךְ הָאבְּן מִיט זַיין וַוייבּ.

### עֶר טְרַאכְט דִי זֶעלְבֶּע אוֹיף דִיר

אַלֶעס אִיז אַיין שְׁטִיק דִמְיוֹן, עֶס דַאכְט זִיךְ פַארְן מֶענְטְשׁ ווִי בַּיי יֶענֶעם אִיז בֶּעסֶער, עֶר טְרַאכְט צוּ זִיךְ: 'אַז אִיךְ ווֶעל הָאבְּן יֶענֶעמְ'ס וַוייבּ ווֶעל אִיךְ זַיין פְרֵיילִיךְ', 'אַז אִיךְ ווֶעל הָאבְּן יֶענֶעמְ'ס פֶעלְד ווֶעל אִיךְ זַיין פְרֵיילִיךְ', אוּן אַזוֹי וַוייטֶער מִיט אַלֶע אַנְדֶערֶע זַאכְן, אָבֶער קוּק אָן יֶענֶעם, יֶענֶער הָאט דָאךְ דִי וַוייבּ אוּן דִי פֶעלְד וְכוּ' - אוּן אִיז נִישְׁט פְרֵיילִיךְ, ווַייל עֶר טְרַאכְט דִי זֶעלְבֶּע אוֹיף דִיר, אַז עֶר ווֶעט הָאבְּן דַיין לֶעבְּן ווֶעט אִים זַיין בֶּעסֶער...

### הֵיילִיגֶע גֶעדַאנְקֶען אוּן רֵיינֶע מַחֲשָׁבוֹת

אִין אַנְדֶערֶע פְלֶעצֶער רֶעדְט מֶען טַאקֶע נִישְׁט פוּן דֶעם, עֶס פַּאסְט נִישְׁט צוּ רֶעדְן פוּן שְׁלוֹם בַּיִת, אָבֶער בַּיים רֶבִּי'ן אִיז דָאס גֶעוֶוען דֶער יְסוֹד, ווַייל אַז מֶען הָאט שְׁלוֹם בַּיִת, הָאט מֶען הֵיילִיגֶע גֶעדַאנְקֶען, מֶען הָאט רֵיינֶע מַחֲשָׁבוֹת.

### הַלְוַאי זָאל אִיךְ הָאבְּן אַזַא הוֹיז...

דָא אִין שְׁטֶעטְל אִיז דָאךְ מַמָּשׁ אַזוֹי, אַז מֶען קוּקְט בַּיי יֶענֶעם ווֶערְט מֶען פַארְבְּרֶענְט פַאר קִנְאָה, מֶען פָּארְט אַרוּם אוּן מֶען זֶעט אֵיין הוֹיז, טְרַאכְט מֶען צוּ זִיךְ: 'הַלְוַאי זָאל אִיךְ הָאבְּן אַזַא הוֹיז, עֶס אִיז אַזוֹי שֵׁיין', מֶען פָּארְט וַוייטֶער זֶעט מֶען אַ אַנְדֶערֶע הוֹיז, טְרַאכְט מֶען וַוייטֶער: 'אָה, דֶעם הוֹיז ווִיל אִיךְ הָאבְּן, דָאס אִיז מוֹרָא'דִיג שֵׁיין', אַזוֹי אִיז עֶס ווֶען מֶען קוּקְט בַּיי יֶענֶעם, אַלְץ דִמְיוֹנ'ט מֶען כְּאִילוּ: 'אַז אִיךְ ווֶעל הָאבְּן יֶענֶעמְ'ס ווֶעט מִיר זַיין גֶעשְׁמַאקֶער'.

אוֹיף דֶעם אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן דֶעם דִיבּוּר פוּן עֲשֶׂרֶת הַדִּבְּרוֹת (שְׁמוֹת כ, יד): "**לֹא תַחְמֹד בֵּית רֵעֶךָ**", דוּ זָאלְסְט נִישְׁט גְלִיסְטְן דִי הוֹיז פוּן דַיין חַבֵר, "**לֹא תַחְמֹד אֵשֶׁת רֵעֶךָ**", דוּ זָאלְסְט נִישְׁט גְלִיסְטְן דִי וַוייבּ פוּן דַיין חַבֵר, "**וְעַבְדּוֹ וַאֲמָתוֹ וְשׁוֹרוֹ וַחֲמֹרוֹ**", אוֹיךְ נִישְׁט זַיין קְנֶעכְט אוּן דִינְסְט, אוּן זַיין אָקְס אוּן אֵייזְל, "**וְכֹל אֲשֶׁר לְרֵעֶךָ**", אוּן אַלֶעס וָואס גֶעהֶער פַאר דַיין חַבֵר.

### עֶר גֵייט נִישְׁט טְרִינְקֶען קֵיין קַאווֶע

מִיר הָאבְּן דִי ווָאךְ גֶעהַאט אִין תַּלְמוּד יְרוּשַׁלְמִי (נְדָרִים פֶּרֶק ט, הֲלָכָה א) אַ הֶערְלִיכֶע גְמָרָא וָואס מֶען זֶעט פוּן דֶעם ווִי גַאנְצֶע יֵצֶר הָרָע אִיז נָאר אִיבֶּער צוּ רֶעדְן אַ מֶענְטְשׁ צוּ מַאכְן בַּאטַעמְ'ט אוּן אַיינְגֶענֶעם אַ זַאךְ וָואס עֶר טָאר נִישְׁט, דִי גְמָרָא דֶערְצֵיילְט: "**רַבִּי יִרְמְיָה שְׁרֵי נִדְרָא, וּמְקַיֵּים לֵיהּ**", רַבִּי יִרְמְיָה הָאט גֶעמַאכְט אַ נֶדֶר, צוּם בֵּיישְׁפִּיל עֶר הָאט גֶע'אַסוּר'ט אוֹיף זִיךְ עֶר גֵייט נִישְׁט טְרִינְקֶען קֵיין קַאווֶע, דֶערְנָאךְ הָאט עֶר עֶס מַתִּיר נֶדֶר גֶעוֶוען בַּיי אַ חָכָם, אָבֶער עֶר הָאט וַוייטֶער אַיינְגֶעהַאלְטְן זַיין נֶדֶר, עֶר הָאט וַוייטֶער נִישְׁט גֶעטְרִינְקֶען קַאווֶע, זָאגְט דִי גְמָרָא, עֶס קֶען זַיין צְווֵיי טְעָמִים פַארְוָואס עֶר הָאט וַוייטֶער אַיינְגֶעהַאלְטְן זַיין נֶדֶר: "**אִין מִשּׁוּם דְּהוּא חָשַׁשׁ לְהוּא דְּשָׁרֵי לֵיהּ לָא יָדְעִין**", אָדֶער ווַייל עֶר הָאט מוֹרָא גֶעהַאט אַז דֶער וָואס הָאט אִים מַתִּיר גֶעוֶוען קֶען נִישְׁט גוּט דִי הֲלָכוֹת, "**אִין מִשּׁוּם שֶׁאֵין הַיֵּצֶר תָּאֵב אֶלָּא דָּבָר שֶׁאָסוּר לוֹ**", אָדֶער ווַייל ווִילַאנְג עֶר הָאט נָאךְ גֶעהַאט דִי נֶדֶר אִיז אִים גֶעוֶוען שְׁווֶער עֶס אַיינְצוּהַאלְטְן, עֶס הָאט אִים גֶעפַּיינִיגְט, עֶר הָאט עֶס גֶעווָאוּלְט טְרִינְקֶען, ווַייל דֶער יֵצֶר הָרָע מַאכְט גְלִיסְטְן אַ זַאךְ וָואס דֶער מֶענְטְשׁ מֶעג נִישְׁט, אָבֶער אֵיינְמָאל עֶס אִיז גֶעוָוארְן מֻתָּר הָאט עֶר עֶס מֶער נִישְׁט גֶעדַארְפְט.

### אִיךְ הָאבּ דִי בֶּעסְטֶע

זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז דִי גַאנְצֶע זַאךְ וָואס קוּקְט אוֹיס אִין דִי אוֹיגְן אַז בַּיי יֶענֶעם אִיז בֶּעסֶער וְכוּ' אִיז נָאר אַ נִסָּיוֹן פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע, וָואס מַאכְט טְרַאכְטְן אוֹיף דָאס וָואס מֶען מֶעג נִישְׁט כְּאִילוּ יֶענְץ אִיז בֶּעסֶער, אוּן אַז אִיךְ ווֶעל יֶענְץ הָאבְּן ווֶעל אִיךְ ווֶערְן פְרֵיילִיךְ, דַארְף דֶער מֶענְטְשׁ הָאבְּן שֵׂכֶל צוּ ווִיסְן אַז אִיךְ הָאבּ דִי בֶּעסְטֶע אוּן עֶס אִיז נִישְׁט דָא וָואס צוּ מְקַנֵּא זַיין אַנְדֶערֶע, אַזוֹי הָאט דֶער מֶענְטְשׁ אַ גְלִיקְלִיךְ לֶעבְּן, אוּן אַ עֶרְלִיכֶע לֶעבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן פָּאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן ווֶעלְן מִיר הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן, אָמֵן.